**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/30/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 13 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין ראטשעסטער׳ס על קאמינא געגנט**

***פארענדיגונג פון צוויי-פאזעדיגע פוועבלא נועווא דעוועלאָפּמענט שאפט 104 צוגענגליכע, ענערגיע-גינציגע היימען, 10,000 סקווער-פיסיגע קאמיוניטי צענטער, אויפ׳ן-ארטיגע סערוויסעס***

***דעוועלאָפּמענט אנטהאלט געאייגנטע האָוזינג פאר געוועזענע היימלאזע פאמיליעס און ערוואקסענע מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג דיסאביליטיס***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט ״פינגער לעיקס פאָרווערד״ — דער ראיאן׳ס אויספירליכע סטראטעגיע אויף ווידער-אויפצולעבן קאמיוניטיס און מאכן וואקסן די עקאנאמיע***

***בילדער צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן דאס פארענדיגן א 13 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט אין ראטשעסטער׳ס על קאמינא געגנט. ׳פוועבלא נועווא׳ פאזע צוויי שאפט 29 צוגענגליכע און שטיצנדע וואוינונגען און האט איבערגעביטן א ליידיגע ווערהאָוס אויף א 10,000-סקווער-פיסיגע קאמיוניטי צענטער. אינאיינעם, שטעלן צו ׳פוועבלא נועווא׳ פאזעס איינס און צוויי א סך הכל פון 104 צוגענגליכע און שטיצנדע וואוינונגען אלס טייל פון דעם וויזיע פלאן אויף אויפצולעבן דעם על קאמינא געגנט.

״פאר יעדער ניו יארקער קומט זיך הויכע-קוואליטעט, זיכערע, צוגענגליכע האָוזינג מיט צוטריט צו די הילפס-מיטלען אין וועלכע זיי נייטיגן זיך פאר ערפאלג,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אונזערע אינוועסטירונגען אין על קאמינא האבן געשאפן מער ווי בלויז נייע וואוין-ערטער פאר ראטשעסטער פאמיליעס; מיר פארזיכערן אויך אז דער געגנט האט די סערוויסעס, באקוועמליכקייטן, און אייגנשאפטן וועלכע וועלן אויסהאלטן דער קאמיוניטי אויף דעם לאנגן-טערמין.״

״שטיצנדע האוזינג פראיעקטן ווי דער ׳פוועבלא נועווא׳ פראיעקט זענען קריטיש-וויכטיג אויף צוריקצוברענגען געגנטער ווי על קאמינא אין ראטשעסטער וועלכע זענען שוין פון לאנג אן פארנאכלעסיגט געווארן,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״דער צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאָפּמענט וועט צושטעלן 29 נייע וואוין-ערטער פאר מענטשן וועלכע וואלטן אנדערש נישט געקענט דארט וואוינען, און דער נייער קאמיוניטי צענטער וועט באזארגן אן ארט פאר קאמיוניטי מיטגלידער זיך צונויפצוקומען. דאס איז בלויז איינס פון די פילע פראיעקטן וועלכע טוען אויפריכטן דעם היסטארישן על קאמינא דיסטריקט.״

׳פוועבלא נועוואַ׳ פאזע צוויי איז א טייל פון גאווערנער האוקול׳ס גאנץ-סטעיט׳יגע פלאן צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג, און סטאביל. אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט ערפאלג געשאפן א נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער-אומבאהאלפענע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 וואוינונגען.

׳פוועבלא נועוואַ׳ פאזע צוויי רעכנט אריין דעם איינפיל נייע קאנסטרוקציע פון צוועלף דופלעקס געביידעס און פינף איינציג-פאמיליע הייזער צו שאפן 29 צוגענגליכע וואוין-ערטער. די אלע וואוין-ערטער זענען צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביז 50 פראצענט פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

זעקס וואוינונגען זענען באשטימט פאר געוועזענע היימלאזע הויזגעזינדער וועלכע וועלן האבן אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס פינאנצירט דורך עמפייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג אונטערנעמונג און אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון ציטווייליגע און דיסאַביליטי הילף. סערוויסעס פאר די הויזגעזינדער וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך דעם YWCA פון ראטשעסטער און מאנראו קאונטי. סערוויסעס רעכענען אריין העלפן איינוואוינער באקומען קאמיוניטי רעסאָרסן, זיך צו גרייטן פאר און שאפן ארבעט, און אדרעסירן מניעות אויף צו וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט.

דער על קאמינא קאמיוניטי צענטער ביי 216 קליפארד עוועניו, איבערגעביטן פון א לאנג-אויסגעליידיגטע וועירהאָוס, שטעלט צו ADA-איינשטימיגע אפיס פלאץ פאר ביזנעס אנטוויקלונג, וואורקשאָפּס, בילדונגס פראגראמען, קולטורעלע פראגראמען, אונטערהאלטונג און אנדערע סערוויסעס וועלכע שטיצן עקאנאמישע און געזעלשאפטליכע פארשריט.

די איינוואוינער געביידעס זענען אויסגעשטעלט נאכצוקומען די פאדערונגען פון דעם ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט׳ס ׳לאָו-רייז ניו קאנסטראַקשען׳ פראגראם. יעדע געביידע האט הויך-פונקציאנירנדע הייצונג און קילונג סיסטעמען, LED הויך-פונקציאנירנדע באלייכטונג, נידעריג-פליסנדע פּלאמבינג איינריכטנונגען און עפלייענסעס מיט ׳ענערדזשי סטאַר׳ סטאנדארטן.

די ערשטע פאזע פון דעם ׳פוועבלא נועוואַ׳ דעוועלאָפּמענט איז פערטיג געווארן אין 2021 און האט אריינגערעכנט די נייע קאנסטרוקציע פון 75 אפארטמענטס אויף 20 ליידיגע אדער אונטערבאניצטע לאַטס לענגאויס א פינף-בלאָקיגע געגנט נעבן נארט קלינטאן עוועניו און הארט אויף דרום פון סט. מייקל׳ס קירכע. א באזונדערע סיטי-באזיצטע לאַט אויף 12 העלצער סטריט איז איבערגעבויט געווארן אויף א גרינע שטח פאר דער קאמיוניטי, מיט גערטנער, שפאציר וועגלעך, א שפיל ארט און א פיקניק פאוויליאן.

פאזע איינס באט אן נייינצן דירות באשטימט פאר ערוואקסענע מיט אינטעלעקטועלע און אנטוויקלונג אומפעאיגקייטן וועלכע וועלן האבן צוטריט צו שטיצע סערוויסעס צוגעשטעלט דורך די איבעראָו-אמעריקאנער אקציע ליעגע.

דער דעוועלאָפּער פאר ביידע ׳פוועבלא נועוואַ׳ פאזעס איז דער ׳איבעראָו-אמעריקען דעוועלאָפּמענט קארפארעישען׳, די דעוועלאָפּמענט אפטייל פון דער ׳איבעראָו-אמעריקען עקשען ליעג, אינק.׳

סטעיט אינוועסטירונג אין ׳פוועבלא נועוואַ׳ פאזע צוויי רעכנט אריין פעדעראלע און סטעיט נידריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 9 מיליאן דאלאר אין פארמאגערשאפט און נאך 3.5 מיליאן דאלאר אין סובווענץ פון ׳ניו יארק סטעיט האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳.

NYSERDA האט צוגעשטעלט 92,400 דאלער אין שטיצע דורך דעם 'לאָו-רייז ניו קאנסטראָקשען' פראגראם.

**HCR קאמיסיאנערין רוט-ען וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "דער צוויי-פאזעדיגער דעוועלאָפּמענט האט ערזעצט די פארלאזט און צעפאלענע סטרוקטורן און אויסגעלייזדיגטע ערד-טיילן מיט 104 מאדערנע און ענערגיע-גינציגע וואוינונגען פאר יחידים און פאמיליעס, און א שפאגל-נייע קאמיוניטי צענטער וועלכס וועט זיין א טובה פאר יעדער וואס וואוינט אין דעם פארשידנארטיגן און קולטורעל-באַרייכערטן געגנט. די ארומנעמיגע גאנצער-געגנט אינוועסטירונג וועט פארשטערקערן על קאמינא'ס ארטיגע עקאנאמיע און צושטעלן איינוואוינער מיט די הילפס-מיטלען און הויכע קוואליטעט האָוזינג גלעגנהייטן אין וועלכע זיי נייטיגן זיך אויף צו האבן ערפאלג. מיר זענען דאנקבאר צום 'איבעראָו-אמעריקען עקשען ליעג' פאר זייער וויזיע אין מאכן דעם פראיעקט א ווירקליכקייט, און צו גאווערנער האוקול פאר איר ברען צו העכערן די סופליי פון צוגענגליכע האָוזינג לענגאויס דעם סטעיט."

**דאריען עם. האריס, פרעזידענטקע און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "די 'פוועבלא נועווא' אפארטמענטס באטן אן פאר ראטשעסטער'ס נידעריגע-איינקונפט און עמפינדליכע איינוואוינער א נייע צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג אפציע וועלכע אינקארפארירט הויך-פונקציאנירנדע ענערגיע-גינציגקייט אייגנשאפטן, וועלכע העלפן צושטעלן א געזונטערע און באקוועמערע וואוינונג סביבה און רעדוצירט ענערגיע אויסגאבן. דורך די סארטן פראיעקטן, הייבן מיר אונטער אונזערע באמיאונגען צו בויען קלימאט-גינציגע געביידעס און גלייכצייטיג פארזיכערן אז אלע ניו יארקער געניסן אין גלייכן אין די טראנזיציע צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** "שטיצנדע האָוזינג איז א קריטיש-וויכטיגע שטאנדטייל פון אונזערע באמיאונגען צו רעדוצירן האָוזינג אומסטאביליטעט איבער'ן סטעיט. די נייע דירות וועלן צושטעלן כראניש היימלאזע מענטשן מיט די שטיצע און הילף אויף וועלכע זיי קענען זיך פארלאזן אויף צו בלייבן אין סטאבילע וואוינונגס אומשטענדן. גאווערנער האוקול זעצט פאר ווייטער צו צייגן איר אומוואקלדיגע אנטשלאסנקייט צו רעדוצירן היימלאזיגקייט איבער'ן סטעיט דורך איר שטיצע פאר פראגראמען ווי דער עמפייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו, וועלכס באזארגט נייטיגע קאפיטאל פאר פראיעקטן ווי 'פוועבלא נועווא'."

**סטעיט סענאטאר דזשערעמי קוני האט געזאגט,** "עס פריידט מיך שטארק צו זען דאס פארענדיגן פון 'פוועבלא נועווא' פאזע צוויי. ניו יארק סטעיט שטאלצירט זיך צו האבן ביישטייערט צו דעם קריטיש-וויכטיגן פראיעקט צו שאפן נידעריגע-איינקונפט און שטיצנדע האָוזינג דא אין ראטשעסטער. איך קען נישט ווארטן צו זען וואס עס אנטהאלט דער צוקונפט פאר די פאמיליעס וועלכע וועלן אנרופן 'פוועבלא נועווא' זייער היים, און דאס אויפלעבן דעם געגנט."

**אסעמבלי-מיטגליד דעימאנד מיקס האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו זען א קלארע אינוועסטירונג צו פארבעסערן וואוינונגס אומשטענדן פאר מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי. מיר מוזן הייבן באזייטיגטע מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי דורך צושטעלן שטאנדהאפטיגע וואוין-ערטער. זיכערע און ריינע הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן איז א פונדאמענטאלע געברויך וואס צופיל קאמיוניטי מיטגלידער און פאמיליעס באקומען נאכאלץ נישט. א בכבוד'דיגע היים איז קריטיש וויכטיג צו קענען בויען רייכטום פאר דורות זיך צו ארויסדראפעווען פון ארימקייט. איך וויל באדאנקען די Ibero-American Development Corporation פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו אונזערע געגנטער און צו די וואוילזיין פון אונזערע פאמיליעס. איך האף אז 'פוועבלא נועווא' וועט פארזעצן ווייטער צו ברענגען ווירקזאמע רעסארסן און פארלעסליכע וואוינונגען פאר די מערסט עמפינדליכע איינוואוינער פון אונזער קאמיוניטי."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעללא האט געזאגט,** ״סטאבילע און צוגענגליכע האָוזינג איז א עקסט-נייטיגע הילפס-מיטל און דער שליסל צו מאכן אלע אונזערע קאמיוניטיס געזונטער, מער אפגעהיטן און מער בליענד — און צוליב דעם איז דאס פארענדיגן דער 'פוועבלא נועווא' פאזע צוויי א ליכטיגקייט פאר'ן צוקונפט פון דער שטאט'ס איינוואוינער. א דאנק אייך גאווערנער קעטי האוקול פאר אייער איבערגעגעבנקייט צו דער שטאט ראטשעסטער און מאנראו קאונטי.״

**מעיאר מאליק די. עוואנס האט געזאגט,** ״דער 'פוועבלא נועווא' האָוזינג דעוועלאָפמענט טוט ווייטער טראנספארמירן ראטשעסטער'ס על קאמינא געגנט מיט אייגנארטיגע אינוועסטירונגען וועלכע אנערקענען די רייכע היסטאריע און קולטורן פון ראטשעסטער'ס לאטינעקס און נייע אמעריקאנע קאמיוניטיס. איך שטאלציר מיך מיט דער שטאט ראטשעסטער'ס שטיצע פאר דעם פראיעקט דורך אונזער צוזאמארבעט מיט דעם 'איבעראו-אמעריקען דעוועלאפמענט קאָרפ.' און ניו יארק 'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל'. פארשטערקערן אונזערע געגנטער איז א קריטיש-וויכטיגער שטאנדטייל פון דער וויזיע צו שאפן א שטאט אנגעפילט מיט האפענונג פאר א באגייסטערדיגע צוקונפט.״

**IADC'ס עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט יודזשעניאו מארלין האט געזאגט,** ״מיט'ן פערטיגן די פאזע פון 'פוועבלא נועווא' זעצן מיר פאר ווייטער צו ערפילן אונזער בליק פון טראנספארמירן אן ארט וואס איז נאכגעלאזט געווארן אויף אן ארט וואס רעכנט אריין הויכע קוואליטעט צוגענגליכע האָוזינג און גרינע-נאטור ערטער וועלכע ברענגען פאמיליעס אינאיינעם אלס א קאמיוניטי, ווי אויך אלס עקאנאמישע שטארקייט צו דעם ארט. דער פראיעקט מיט'ן דעוועלאָפמענט פון דער אינטערנאציאנאלער פלאזא באזארגט נייע לעבנסקראפט אין דעם געגנט.״

**פארשנעלערן ״פינגער לעיקס פאָרווערד״**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ״פינגער לעיקס פאָרווערד״, דער ראיאן'ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש געאייגנטער פלאן פאקסירט אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס, אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן דער 'פינגער לעיקס פאָרווערד' מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט'ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן'ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן](#)